**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/12/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט די עפענונג פון דעם רויטן שייער פאסירונג ארט אין קאלומביע קאונטי**

***פארבעסערט די סיטי פון האדסון דורך שאפן א גאנץ-יעריגער, מולטי-באניץ דעסטינאציע, וואס דערגאנצט די סיטיס ברעגליניע***

***גאנץ-עלעקטרישע הייצונג און קילונג סיסטעמען, ענערגיע עפעקטיווע אמענדירונגען, און אויפן-ארטיגע זון-אנזאמלונג צו פארקלענערן קוילנשטאף-שפור און רעדוצירן די קאסט פון ענערגיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון דעם רויטן שייער אין האדסון, קאלומביע קאונטי. דער נייער צוגאב צו האדסונס היסטארישע ברעגליניע, וואס געפונט זיך נאענט צו האדסונס באן סטאציע, וועט באזארגן באזוכער מיט ערטער צו עסן און איינקויף געלעגנהייטן און איז כולל איבער 6 מיליאן אין קאנסטרוקציע קאסט פאר דעם נייעם קאבוס, א פאסירונג ארט, א פול-באדינונג רעסטאראנט, גרעיפפרוכט וויינען געשעפט, פלוס ערטער פאר אנדערע קאמיוניטי אקטיוויטעטן. די לעצטענס פארענדיגטע רויטע שייער סייט, באשאפן דורך סאוט פראנט סטריט האלדינגס, LLC, טוט אנבאטן א דינאמישע גאנץ-יעריגע, מולטי-באניץ ארט וואס וועט אמפליפיצירן און דערגאנצן אנדערע אקטיוויטעטן אויף האדסונס ברעגליניע און וועט העלפן ווייטער אנטוויקלען ברעגליניע ווידער אויפלעבונג פארן געגנט.

"די האדסון ריווער איז איינע פון ניו יארקס גרעסטע נכסים און עס איז וויכטיג צו מאכן אינוועסטירונגען וואס שיצט און פרעזערווירט אונדזער נאטירלעכע סביבה, און דער זעלבער צייט מאכן וואקסן די עקאנאמיע אין די ארומיגע קאמיוניטיס,"**האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער רויטער שייער אין האדסון איז א געניעביישפיל פון אויסהאלטעוודיגע קאנסטרוקציע וואס שיצט אונדזער ענווייראנמענט, און עס ווערט געטון אין א וועג וואס וועט צוציען מער ביזנעסעס און פארגרעסערן די לאקאלע טוריזם עקאנאמיע."

עס געפונט זיך אין האדסונס דאונטאון ווידער אויפלעבן איניציעטיוו "ברידזש דיסטריקט", דאס ארט האט אין זיך 6,500 קוואדראט פיס היסטארישע סלופ און באלקן שייער בנין, און די 4000 קוואדראט פיס מארקעט בנין. דער מארקעט בנין באהויזט קיטיס מארק און רעסטאראנט, וואס איז זיך יעצט משתתף מיטן קאבוס און גרעיפפרוכט וויינען און דער דערנעבנדיגע שייער בנין צו שאפן פלאץ וואס וועט ווייטער אקטיווירן און אויפלעבן האדסונס ברעגליניע דיסטריקט א גאנץ יאר. דאס ארט איז כולל א ברייטע גארטן, וואס דינט אלץ א פלאץ פאר א דינאמישע רייסטער פון פארשטעלונגען און אנדערע קאמיוניטי פראגראמען.

דאס עפענונג פון רויט שטייער האדסון דעקט דריי יאר פון קאנסטרוקציע, וואס האט טראנספארמירט די צוויי לאנג-אפגעלאזענע בנינים אינעם הארץ פון האדסונס ברעגליניע. אויסהאלטעוודיגע איבער-אנטוויקלונג, וואס נוצט ארומנעמיגע גרינע ענערגיע מיטלען און שטרענג אויסגעפירטע סיסטעמס

אנצוקומען צו 100% קארבאן נוטראלע אפעראציעס פארן שייער בנין איז געווען א הויפט חלק פונעם אלגעמיינעם פלאנירונג. רעמאנט צום שייער בנין איז כולל קריטישע וועטערזאציע צו פארמאכן הארמעטיש ניצנדיג סטרוקטורעלע איזולאציע פאנעלן (SIPs, structural insulation panels) צו ערלויבן א גאנץ יאר, דורכצופירן עפעקטיווע ענערגיע אויף אלע עלעקטרישע סיסטעמען. צו מכבד זיין דעם בנין'ס היסטארישע פארגאנגענהייט, האט מען אויפגעהיטן דעם ארגינאלן סטרוקטור און רעם, ווי אויך די שטאנגען, באלקנס, און די דילברעטער און קפדניש צוריק אויפגעשטעלט, און געווארן צוריק באניצט אין דעם נייעם בנין.

ארגינאל, אן אומאיינגעניטע הולצערנע סטרוקטור וואס איז געזעסן אויף א הויפן פון ביטאן דירעקט איבער דער ערד, ענליך צו וואוין ווערענדע קאנסטרוקציע, האט דער רעמאנט ארומגענומען ערענסטע פארבעסערונגען צו רעהאביליטירן און צילן אויף ס'ניי דאס געוועזענע הפקרדיגע ארט מיט א חידושדיגע גרינע דעזיין, ווי אויך א גאנצ-נייע יסוד מיט א פריר וואנט און א א שיכט פון צעקוועטשטע שטיין צו ערלויבן דאס וואסער צו פליסן אויב עס ווערט א פלייץ, אינגאנצן איזולירט; דערוויסנדיגע ווענט און דער דאך אראפגענומען, און געווארן צוריקגעשטעלט מיט סטרוקטורעלע איזולירטע פאנעלן; פעסטע וועטערזאציע צו גענצליך פארמאכן טערמישע אפצאמונג; און די אינסטולאציע פון גאנצ-עלעקטרישע מעכאניקל און ענערגיע סיסטעמען. צו מכבד זיין דעם בנין'ס היסטארישע פארגאנגענהייט, האט מען אויפגעהיטן דעם ארגינאלן סטרוקטור און רעם, ווי אויך די שטאנגען, באלקנס, און די דילברעטער און קפדניש צוריק אויפגעשטעלט, און געווארן צוריק באניצט אין דעם נייעם בנין. דער בנין וועט ווערן באקרעפטיגט פון ריינע, באנייעווודיגע ענערגיע פון אויפן-ארטיגע זון-אנזאמלערס.

**ניו יארק סטעיט ענערגיע אויספארש און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO דארין מ. העריס האט געזאגט,** "NYSERDA איז שטאלץ צו האבן צוגעשטעלט שטיצע פארן רויטן שייער האדסון אלץ אינוועסטירונגען אין דאונטאון עקאנאמישע אנטוויקלונג און אויסהאלטעוודיגע פראיעקטן איבער דער סטעיט וועלן צאלן דיווידענד פאר לאקאלע קאמיוניטיס פאר די קומענדיגע דורות. פראיעקטן אזוי ווי דער רויטער שייער אידנטיפיצירן פתרונות וואס טוען נישט נאר פרעזערווירן ניו יארקס ספעציעלע ירושה פון קולטור נאר זיי העלפן אויך צו פארבעסערן מיט איר הויך-רעזולטאט ענערגיע עפעקטיווע אמענדירונגען און באנייעוודיגע ענערגיע וואס וועט באזארגן מיט א געזונטערע, מער צופרידענע דורכלעבונג פאר קאמיוניטי מיטגלידער און אויך באזוכער."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער האָופ נייט האט געזאגט,** "דער רויטער שייער פראיעקטע איז א געגנויע ביישפיל פון אויסהאלטעוודיגע אנטוויקלונג וואס קען צוריק אויפלעבן א קאמיוניטי.האדסונס ברעגליניע ווערט טראנספארמירט צו א דעסטינאציע וואס וועט צוציען לאקאלע און באזוכער צו איר בילדערישע באדנס און דער רויטער שייער איז א גאסטפריינדליכער צוגאב צו דעם ראיאן."

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ וויצע פרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון טוריזם ראס די. לעווי האט געזאגט,** "דורך די מארקעט ניו יארק פראגראם, טוט I LOVE NY שטיצן קאפיטל פראיעקטן וואס שאפן נייע און ערטער וואס ציען צו רייזערס און מוטיגן ריאנעלע טוריזם. די טראנספארמאציע פונעם רויטן שייער אין האדסון באט אן א נייע, צוציענוודיגע דעסטינאציע וואס איז צוגענגליך לייכטערהייט און דערגאנצט אנדערע לאקאלע אטראקציעס פון היסטארישע ערטער ביז צו קונסט אינסטיטוציעס, וואס ווייזט ווידער אמאל פרוואס עס איז אזוי גרינג ליב צו האבן ניו יארק."

**סאוט פראנט סטריט האלדינגעס LLCs בען פעין האט געזאגט,** "דער פראיעקט טראנספארמירט די געוועזענע קוים געניצטע בנינים צו א אויפגעלעבטע קאמיוניטי רעסורס און א גאנץ-יעריגע דעסטינאציע פאר אונדזער קאמיוניטי. מיר זענען זייער אויפגעהייטערט צוריק צו בויען דעם קליינעם ווינקל פון האדסון, צו ברענגען נייע ביזנעסעס און געלעגנהייטן צו דער ברעגליניע און אויפלעבן דער ברעגליניע

דיסטריק א גאנץ יאר, און האבן דאס נישט געקענט טון אן אייער ברייטהארציגע שטיצע פון גאווערנער האקול, NYSERDA און ESD."

דער פראיעקט האט באקומען איבער 1.5 מיליאן פון NYSERDA דורך איר קארבאן נוטראלע קאמיוניטי עקאנאמישע אנטוויקלונג, וועלכע שטעלט צו אינצענטיוון מיט געצילטע שטיצע פאר פראיעקטן וואס געפונען זיך אין באַ'עוולטע קאמיוניטיס און DRI דיסטריקטן, צו רעדוצירן עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר איינוואוינער און באזוכער און פריאריטירזירטע אינוועסטירונגען צו בויען מאדערניזאציע פראיעקטן וואס וועט צוברענגען פאסטנס וואס וועלן צושטעלן פאמיליע-אויסהאלטעוודיגע געהאלט און בענעפיטן. לאקירט אין א היסטארישע אונטערסערווירטע קאמיוניטי, איז דער רויטער שייער פראיעקט כולל אמענדירונגען, צו פארמאכן דעם טערמישן קאנווערט און אריינשטעלן ענערגיע-עפעקטיווע, גאנץ-עלעקטרישע סיסטעמס פאר הייצונג, קילונג, הייס וואסער און ווענטילאציע (אריינגערעכנט פאר א קאמערציעלע קעיטערינג קיך). דער בנין וועט ווערן באקרעפטיגט פון ריינע, באנייעוודיגע ענערגיע פון אויפן-ארטיגע זון-אנזאמלערס. דערצו, איז דער פראיעקט געשטיצט געווארן כמעט $421.000 טויזענט מארקעט ניו יארק גרענט, רעקאמענדירט דורך די הויפטשטאט ראיאן עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל.

דער שייער באהעפט זיך מיט אנדערע אויסהאלטעוודיגע ענערגישע פראדוקטן אונטערוועגנס לענגאויס דער האדסון ברעגליניע, ווי אויך באסיליקא האדסון און קייטס נעסט, פארברייטערט און פארבעסערט א רינג פון חידושדיגע גרינע ענערגיע פראיעקטן וואס צוזאמען קענען באווייזן ווי אזוי פארשידענע סארטן ארגאניזאציעס - קאמערציעלע, עדיוקעישענאלע, קולטורעלע און קאמיוניטי; פאר ריווח און נישט פאר קיין ריווח - קענען צוזאמענשטעלן אויסהאלטעוודיגע ענערגיע און בליען. דער רויטער שייער האדסון איז א וויכטיגער פארבינדער צווישן די פראיעקטן, פארהארטעווען דעם רינג פון חידושדיגע גרינע ענערגיע פראיעקטן און באשאפן אן 21סטע יארהונדערט גרינעם נעץ לענגאויס די היסטארישע ברעגליניע.

**CREDC מיט-פארזיצערס רות מאהאוני, עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט, פרעזידענט פון פארמעגנס פארוואלטונג און ראיאנישע פרעזידענט פון NBT באנק און דר. האווידאן ראדריגעז, אלבאני אוניווערסיטעט פרעזידענט, האבן געזאגט,** "דער רויטער שייער באווייזט ווי אזוי מיר ארבעטן צוזאמען צו פרעזערווירן האדסונס פארגאנגענהייט און אויפלעבן איר היינטיגקייט און צוקונפט. דער געמישטער-באניץ פראיעקט איז אפגעשפיגלט פון אונדזער סטרעטעגישער צוגאנג צו אויסהאלטעוודיגקייט און ווידער אויפלעבונג און וועט ווערן א דינאמישע מאגנעט פאר איינוואוינער און באזוכערס צו דער פאפולערע האדסון ריווער קאמיוניטי."

**סטעיט סענאטאר מישל הינטשי האט געזאגט,** "דער רויטער שייער באטייט מער ווי סתם צעשטייער געבן צו דער האדסון ברעגליניע ווידער אויפלעבונג; ס'איז א קאטאליסט פאר קלוגע ענווייראנמענטאלע אנטוויקלונג וואס ציינט ווי אזוי אנפירערשאפט און אונטערנעמערישקייט קענען טרייבן אויסהאלטעוודיגע געוואוקס, פארבעסערן די לעבנס פון לאקאלע פאמיליעס, און געבן א שטופ פארן אפסטעיט אייגנטום בעת'ן פריאריטיזירן אונדזער גרינע ענערגיע און קלימאט צילן. איך בין שטאלץ צו שטיצן דער אויסהאלטעוודיגע ווידער אנטוויקלונג, און איך דאנק גאווערנער האקול, NYSERDA, און ESD פאר זייער ווייטן בליק מיטן אנערקענען דער גרויסער פאטענציאל פון דער רויטער שייער."

**אסעמבלימיטגליד דידי בארעט האט געזאגט**, "דער רויטער שייער האדסון איז א פארכאפנדיגע נייע אנטוויקלונג פאר האדסונס היסטארישע ברידזש דיסטריקט, וואס דינט אלץ א געמישטע-באניץ קאמיוניטי ארט קעגן איבער די באן סטאציע, וואס וועט זיכער צוציען איינוואוינער און באזוכער גלייך. אלץ דער ניו יארק סטעיט אסעמבליס ענערגיע פארזיצער, בין איך ספעציעל צופרידן מיט NYSERDAs גרויסע אינוועסטירונג אין דער קארבאן-נוטראלע, אלעס עלעקטרישע ארט וואס וועט דינען אלץ א מאדעל פאר ענערגיע-עפעקטיווע קאמערציעלע צוגעפאסטע איבערניץ און ווידער אויפלעבן. איך טו גראטולירן בען

פעין און זיין פערסאנאל פאר זייער איינגעשפארטקייט אנצוקומען צו זייער לאנג-געריכטע פארענדיגונג פון דעם פראיעקט און דאנק עמפייער סטעיט אנטוויקלונג און גאווערנער קעיטי האקול פאר זייער שטיצע פאר דעם פראיעקט."

**סיטי פון האדסון מייאר קאמאל דזשאנסון האט געזאגט,** "דער רויטער שייער איז א מורא'דיגע אויפגעהייטערטע צוגאב צו אונדזער לאקאלע ברעגליניע אנבאטן. ס'איז א פארגעניגען צו זען פאנטאסטישע, ענערגיע-באזיניגטע אנטוויקלונגען אזוי ווי די זאל מקויים ווערן דא אין האדסון."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך ארויסצושרייבן